# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................6:54
מוצאי שב"ק......................8:19

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................ירמיה ל"ו-ל"ז
בבלי......................כריתות כ"ד
ירושלמי....................שבת י"ב
תוספתא..בבא מציעא פרק י"א
רמב"ם...................מקואות ה'


פרשת תצא, י"ד אלול, אבות פרק א'-ב', שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 53 (413)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְהָיָה בְּיוֹם הַנְחִילוֹ אֶת בָּנָיו** (דְּבָרִים כ"א, ט"ז)

דִי אַלֶע אִידְן וָואס זֶענֶען דָא גֶעוֶוען אִין אַמֶערִיקֶע פַאר'ן קְרִיג הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין שְׁמִירַת שַׁבָּת, אוֹיב אֵיינֶער אִיז נִישְׁט אַרַיין גֶעקוּמֶען שַׁבָּת אַרְבֶּעטְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּרִיק צוּ קוּמֶען זוּנְטָאג. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ אַרְבֶּעטְן שַׁבָּת מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, ווִידֶערְאוּם זֶענֶען גֶעוֶוען אִידְן וָואס הָאבְּן לֵיידֶער נִישְׁט עוֹמֵד גֶעוֶוען בְּנִסָּיוֹן, זֵיי הָאבְּן יָא גֶעאַרְבֶּעט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן; לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען גֶעזֶען אַן אִינְטֶערֶעסאַנְטֶע זַאךְ, זֵייעֶר אַסאַךְ קִינְדֶער זֶענֶען אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה אֲפִילוּ פוּן אַזֶעלְכֶע שְׁטִיבֶער וָואס זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט שַׁבָּת, ווַייל דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעזִיצְן אַ גַאנְץ שַׁבָּת אוּן גֶעוֵויינְט, יֶעדֶע שַׁבָּת הָאט מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעקוּקְט ווִי תִּשְׁעָה בְּאָב, דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע זֶענֶען גֶעזִיצְן אוּן גֶעוֵויינְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קְרֶעכְצְן: "אוֹי! עֶס קוּמְט שׁוֹין נָאכְאַמָאל שַׁבָּת, מֶען וֶועט ווַייטֶער נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן!" דִי קִינְדֶער הָאבְּן דָאס גֶעזֶען, אוּן זֵיי זֶענֶען אוֹיפְגֶעוָואקְסְן מִיט דֶעם בַּאגְרִיף אַז שַׁבָּת אִיז אַ קְלָלָה חַס וְשָׁלוֹם, שַׁבָּת מֵיינְט אַז מֶען דַארְף זוּכְן אַ נַייעֶ פַּרְנָסָה, מֶען גֵייט הוּנְגֶערְן נָאךְ אַ וָואךְ, הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ אַז זֵיי לָאזְן אָפּ אִידִישְׁקֵייט, ווַייל זֵיי ווִילְן יָא הָאבְּן גֶעהֶערִיג פַּרְנָסָה וְכוּ'. אוּן פַארְקֶערְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט עוֹמֵד זַיין בְּנִסָּיוֹן אוּן זֵיי זֶענֶען יָא גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶער פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה, זֵיי הָאבְּן גֶעטַאנְצְן מִיט דִי קִינְדֶער: "אוֹי אוֹי שַׁבָּת", "אוֹי אוֹי שַׁבָּת", אוּן צוּפְרִי הָאט דֶער טַאטֶע גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "אִיךְ ווִיל נִישְׁט גֵיין אַרְבֶּעטְן!" "אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד!" "וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת, דֶער הָאט אַ לֶעבְּן!" דִי קִינְדֶער הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אוֹיב מֶען הִיט נִישְׁט שַׁבָּת, אוּן עֶס אִיז בַּיי זֵיי גֶעוָוארְן אַיינְגֶעקְרִיצְט: 'אוֹי ווִי גוּט צוּ זַיין אַ אִיד, אוּן אוֹי ווִי שְׁלֶעכְט אִיז צוּ זַיין אַ גוֹי'. דָאס שְׁרַייב אִיךְ דִיר ווַייל אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט טַאנְצְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה, דוּ זָאלְסְט זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן מִיט זֵיי.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַסאַךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז שַׁבָּת זָאל מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, מֶען זָאל זַיין אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, ווַייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶער טַאטֶע; וֶוען דֶער טַאטֶע אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן ווִי דֶער טַאטֶע שְׁרֵייט, דֶער טַאטֶע בֵּייזֶערְט זִיךְ, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִי מַאמֶע אוּן וַוארְפְט אַ פַּחַד אוֹיף דִי שְׁטוּב, וֶוערְן דִי קִינְדֶער דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אַיינְגֶעצוֹימְט, זֵייעֶר מֹחַ קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶפֶענֶען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין. דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן", קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף שׁוֹטִים וֶוען זֵיי הָאבְּן אַ טַאטֶע אַ כַּעֲסָן; ווַייל אַז דֶער טַאטֶע בֵּייזֶערְט זִיךְ אוֹיף זֵיי, קֶענֶען זֵיי נִישְׁט אוֹיפְוַואקְסְן, אוּן פוּן פַּחַד גֵייט מֶען אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת הַשֵּׁם יְרַחֵם.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ תשע"ז)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### עוֹלָם הַתּוֹהוּ

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט ווֵייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן מֶען טוּט אַ טוֹבָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן מֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דְרַיי צַייטְן אִין יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל שְׁוֶוערְן אַז גְלַייךְ נָאכְ'ן שְׁטַארְבְּן וֶועט מֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם פוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ רָב וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶער פְרַיינְד מִיט אַ אִיד פוּן זַיין שְׁטָאט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז וֶוער פוּן זֵיי עֶס וֶועט שְׁטַארְבְּן פְרִיעֶר וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן צְווֵייטְן אִין חָלוֹם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים אוֹיבְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער רָב גֶעשְׁטָארְבְּן קוֹדֶם, אוּן דֶער אִיד הָאט גֶעוַוארְט אַז דֶער רָב זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אָבֶער דֶער רָב אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל זָאלְסְטוּ זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִילִים יֶעדְן טָאג; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זָאגְן תְּהִילִים, דֶערִיבֶּער אַז מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים.

וַוארְט נִישְׁט אוֹיף קַיין הֶרְגֵּשִׁים אוּן אוֹיף אַ טַעַם אִין דֶעם וְכוּ', נָאר זָאג תְּהִילִים אַזוֹי ווִי דוּ שְׁטֵייסְט אוּן גֵייסְט. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף בַּאדַאנְקֶען דֶעם צַדִּיק רֶבִּי רְפָאֵל פוּן בֶּערְשִׁיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי פִּנְחָס מִקָארִיץ זי"ע, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט אַז מֶען קֶען זָאגְן תְּהִילִים אֲפִילוּ קַאלְט אָן קַיין הִתְעוֹרְרוּת. עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: "זָאגְט אֲפִילוּ אַ קַאלְטְן קַאפִּיטְל תְּהִילִים, נָאר דֶער עִיקָר אִיר זָאלְט זָאגְן תְּהִלִּים"; דֶער רֶבִּי הָאט דָאס זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט ווַייל עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶער וֶועלְט צוּ זָאגְן תְּהִילִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## אִיךְ וִויל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וָואס טוּ אִיךְ אָבֶער אַז מְ׳צִיעֶט זֵייעֶר לַאנְג?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, מִיט אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ ב״ה, אִיךְ בִּין ב״ה זֵייעֶר מַצְלִיחַ אִין פַּרְנָסָה, אוֹיךְ אִין רוּחְנִיוּת בִּין אִיךְ אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן, אוּן אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל גֶעהַאט אַ גֶעפִיל צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַמָאל אִיז עֶס גֶעוֶוען שְׁטֶערְקֶער אוּן אַמָאל שְׁוַואכֶער, אַזוֹי וִוי בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

מִיט עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אָבֶער בַּאקוּמֶען אַ קַארְטְל פוּן אֵיינֶעם, אוּן פוּן דֶעם בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ הֶערְן אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת, אוּן אִיךְ מוּז זָאגְן אַז מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ מִיר מַמָשׁ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעלֶערְנְט דִי בְּרֶסְלֶב׳עֶ סְפָרִים אוֹיךְ בִּיז יֶעצְט, אָבֶער דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אִיר לֵייגְט עֶס אַרָאפּ מִיט אַזַא פַּשְׁטוּת, אַז יֶעדֶער אִיד, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָב עֶר גֶעפִונְט זִיךְ, קֶען זִיךְ גֶעבְּן אַ הוֹיבּ אוֹיף, אַ שָׁאקְל אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן צוּרִיק לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאבּ אִיךְ יֶעצְט פַארְשְׁטַאנֶען צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פִיל חִיזוּק צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן פִיר מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיךְ וואוֹין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ סְ׳אִיז דָא מַמָשׁ גֶעצֵיילְטֶע מִנְיָנִים שַׁחְרִית יֶעדְן טָאג, אִיךְ פְּרוּבִּיר אַלְץ צוּ דַאוֶוענֶען מִיטְ׳ן עֶרְשְׁטְן מִנְיָן אִינְדֶערְפְרִי, אוֹיבּ אָבֶער פַארְשְׁפֶּעטִיג אִיךְ דֶעם מִנְיָן, מוּז אִיךְ דַאוֶוענֶען מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן מִנְיָן פוּנֶעם רַב דָאהִי, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל מְ׳צִיעֶט אוֹיס דָאס דַאוֶוענֶען מוֹרָא׳דִיג לַאנְג אוּן סְ׳גֵייט מִיר מַמָשׁ אוֹיף דִי נֶערְוֶוען, אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע שַׁחְרִית נֶעמְט אַזוֹי לַאנְג וִוי דִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳דִיגְן דַאוֶוענֶען אִין אַ נָארְמַאלֶע בֵּית הַמִדְרָשׁ. אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת נָאכְ׳ן אוֹיסְטְרֶעטְן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה וַוארְטְנְדִיג אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאל אָנְהוֹיבְּן דִי הוֹיכֶע שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעיָאגְט צוּ לֶערְנֶען נַיין פְּרָקִים אִין דִי צַייט, דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט קַיין עֵסֶק, אוּן דֶערִיבֶּער וֶועל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶוענֶען בִּיְחִידוּת, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה וִויל אִיךְ יָא דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אָבֶער סְ׳אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַזַא לַאנְגֶע מִנְיָן. וָואס קֶען מֶען טוּן אִין אַזַא צַייט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, יד): ״וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה׳ עֵת רָצוֹן״, ״אֵימָתַי עֵת רָצוֹן?״ וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן? - ״בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְלִין״, וֶוען דִי צִיבּוּר דַאוְונְט.

נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּעֲנִית ח.): ״אֵין תְּפִלָּתוֹ שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת אֶלָּא אִם כֵּן מֵשִׂים נַפְשׁוֹ בְּכַפּוֹ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִילוֹת נָאר וֶוען מֶען הָאט אִינְזִין וָואס מֶען דַאוְונְט. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (תְּהִלִּים עח, לו-לז): ״וַיְפַתּוּהוּ בְּפִיהֶם, וּבִלְשׁוֹנָם יְכַזְּבוּ לוֹ, וְלִבָּם לֹא נָכוֹן עִמּוֹ, וְלֹא נֶאֶמְנוּ בִּבְרִיתוֹ״, דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפָאפְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זֵייעֶר מוֹיל, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ׳, דָאךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער, ״וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן״ וְגוֹ׳, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת אוּן עֶר הָאט זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: ״לֹא קַשְׁיָא, כָּאן בְּיָחִיד כָּאן בְּצִבּוּר״, אוֹיבּ מֶען דַאוְונְט מִיט מִנְיָן דֶעמָאלְט נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן יֶעדֶע תְּפִילָה אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין וְכוּ׳; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִילָה אַזוֹי וִוי עֶס זֶעט אוֹיס, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין דָאס דַאוֶוענֶען אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

זֵיי נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן. אַז מֶען דַאוְונְט זֵייעֶר לַאנְג אוּן עֶס בְּלַייבְּט דִיר אִיבֶּער אַסַאךְ צַייט פוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה בִּיז דֶער בַּעַל תְּפִילָה הֵייבְּט אָן וְכוּ׳ - קֶענְסְטוּ דֶעמָאלְט עֶנְדִיגְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים, נֶעם אַ תְּהִילִים אוּן זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים. אוֹיךְ בְּשְׁעַת׳ן דַאוֶוענֶען קֶענְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; אַז דֶער בַּעַל תְּפִילָה אִיז מַאֲרִיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּער דֶעקְן מִיטְ׳ן טַלִית אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶער זָאלְסְט וַוייטֶער דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ מְבַטֵל זַיין אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה ג:): ״דָּבָר שֶׁבְּמִנְיָן - אֲפִילוּ בְּאֶלֶף לֹא בָּטֵל״, זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ אַז מֶען דַאוְונְט מִיט מִנְיָן, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן טוֹיזְנְטֶער קְלִיפּוֹת וָואס ווִילְן אַוֶועק נֶעמֶען אוּן מְבַטֵל זַיין זַיינֶע תְּפִילוֹת, אָבֶער ״לֹא בָּטֵל״, זַיינֶע תְּפִילוֹת וֶוערְן נִישְׁט בָּטֵל וַוייל עֶס אִיז ׳בְּמִנְיָן׳ עֶר דַאוְונְט מִיט מִנְיָן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ׳ כִּי תֵצֵא תשע״ט)

---

>>>>>>

עֶס אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען צֶען יָאר אוּן דֶער אִיד הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר זַיין זוּן, אָבֶער דֶער רָב אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם זוּן, נָאכְדֶעם אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ צֶען יָאר, אוּן דֶער זוּן הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין זוּן, אוּן אַכְט יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער רָב גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם אֵיינִיקְל צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעשֶׁען.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן מֶען הָאט אִים בַּאגְרָאבְּן אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין קֵבֶר, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט פַארְוָואס מֶען נֶעמְט אַ גֶעזוּנְטֶען מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין קֵבֶר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן קֵבֶר, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר קְרִיכְט טַאקֶע אַרוֹיס פוּן קֵבֶר, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין שְׁטָאט וַוייל עֶר הָאט אָנְגֶעהַאט ״תַּכְרִיכִים״, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט וַוארְטְן בִּיז בַּיינַאכְט אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶר אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט דֶערְקֶענְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס זַיין שְׁטָאט מִיט דִי הַייזֶער אוּן אוֹיךְ זַיין הוֹיז, עֶר הָאט אָבֶער גֶעטְרַאכְט אַז זַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן וֶוען זֵיי וֶועלְן אִים זֶען.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט וִוי עֶר זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְקוֹיפְט וֶועשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט רֶבִּי׳שֶׁע וֶועשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם אַז עֶר זָאל זִיךְ טוֹישְׁן מִיט אִים, עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן זַיינֶע תַּכְרִיכִים אוּן יֶענֶער זָאל אִים גֶעבְּן פַאר דֶעם גֶעהֶערִיגֶע וֶועשׁ, אוּן יֶענֶער הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶועשׁ אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט אָבֶער גֶעזֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט זַיין שְׁטָאט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאנְטְשֶׁעט אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אִין שְׁטָאט.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט, אִין אַלֶע הַייזֶער אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טוּנְקְל, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז אֵיין הוֹיז אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן לִיכְטִיג, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין יֶענֶעם הוֹיז הָאט עֶר גֶעזֶען אַז מֶען קֶען דָארְט עֶסְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט צוּ מֶען קֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלְט וֶועט מֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, מֶען דַארְף בַּאצָאלְן פַארְ׳ן עֶסְן, עֶר הָאט דָאךְ אָבֶער נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הוּנְגֶערִיג.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טָאג, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דִי קוּרְצֶע זוּמֶער נֶעכְט, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ רָב אוּן עֶר קֶען זַיין מַאכְן אַ דִין תּוֹרָה אָדֶער אַ פְּשָׁרָה, הָאבְּן זֵיי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אַן אֶמֶתְ׳ן דִין תּוֹרָה, אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אִים בַּאצָאלְט צְוֵויי גִילְדְן, אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ קוֹיפְן עֶסְן אוּן מֶען הָאט אִים צוּגֶעגְרֵייט אַ גְלֶעזְל בְּרוֹינְפְן.

אָבֶער נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט עֶסְפִּיעֶט אָנְצוּהוֹיבְּן טְרִינְקֶען, זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי קוּמֶען פוּן בֵּית דִין אַז עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי צוּם בֵּית דִין, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל קוֹדֶם עֶפֶּעס עֶסְן וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין צַייט אוּן עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין מִיט זֵיי.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בֵּית דִין, הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר - וָואס אִיז אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ - אִיז אַהֶער גֶעקוּמֶען אוּן עֶר פַּסְקְ׳נְט דִין תּוֹרוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: ״אוּנְז וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אוּנְז אַז אוּנְז זָאלְן פַּסְקְ׳נֶען אַן אֱמֶתְ׳עֶ דִין תּוֹרָה אוּן יֶעצְט בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען דָא פַּסְקְ׳נֶען אַן אֱמֶתְ׳עֶ דִין תּוֹרָה?!״

הָאט דֶער בֵּית דִין גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל זוּכְן בַּיי אִים אוֹיבּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען שׁוֹחַד, הָאט מֶען גֶעזוּכְט אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי צְוֵויי גִילְדְן, הָאט דֶער בֵּית דִין גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְטוּהן זַיינֶע וֶועשׁ אוּן אִים אַרוֹיס שְׁטוּפְן פוּן דָארְט אוּן מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּן. דֶער רָב אִיז אַרוֹיס זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וָואלְט זִיךְ שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ גֶעלוֹינְט פַאר אִים צוּרִיקְצוּגֵיין אִין קֵבֶר אָבֶער עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין תַּכְרִיכִים.

אִינְצְוִוישְׁן הָאבְּן דִי מַלְאָכִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנֶה׳עֶן אַז מֶען זָאל אִים שׁוֹין אָפְּלָאזְן אוּן מֶען הָאט אִים טַאקֶע גֶעוָואלְט אָפְּלָאזְן אָבֶער עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִירְן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ קוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַאר דֶעם אֵיינִיקְל פוּן דֶעם אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר שְׁפֶּעטֶער.

<<<<<<

>>>>>>

וָוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אָבֶער וָוער עֶס וֶועט זַיין בֵּיי מִיר דִי דְרֵיי צַייטְן אִין יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, און יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי עוֹנֶשׁ פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז הַיינְט מֵיינְט דָאס אַז מֶען זָאל פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהֵייסְן, און שַׁבָּת חֲנוּכָּה און שָׁבוּעוֹת זָאל מֶען דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען מִיט בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים און מִיט דֶעם וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר פַארְוָואס מֶען דַארְף גֵיין צוּם רֶבִּי'ן דַוְקָא אִין דִי צַייטְן, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועקְט דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן שְׁלָאף אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמְט מֶען פוּן רֶבִּי'ן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און חֲנוּכָּה לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס צוּ דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן דִי זַאכְן, עֶר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי לֶעצְטֶע טָאג וֶועט עֶר לַאכְן פוּן יֶעדְן, אַלֶע טִירְן וֶועלְן פַאר אִים זַיין אָפְן און עֶר וֶועט גְלַייךְ אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)

>>>>>>

מקוה. מען לייגט יעצט אריין אן "אלומינום ראדיעטאר הייצונג סיסטעם", - א סיסטעם פון געדרייטע פייפס - וואס רוב מקוואות נוצן טאג טעגליך צו הייצן. מען האפט אז ביז א וואך וועט מען פארטיג ווערן מיט די הייצונג ארבעט בעז"ה.

אין אנדערע נייעס פונעם בנין אין אומאן:

* די פענסטערס (פון די אויבערשטע צוויי - דערווייל אומבאנוצטע - שטאקן) זענען שוין אינסטאלירט געווארן ב"ה.

* מ'האט שוין אנגעהויבן צו אינסטאלירן די פלאמבינג פון די צווייטע שטאק פון די שלאף צימערן.

* די עלעקטריק פון די צווייטע שטאק פון די שלאף צימערן וועט שוין בעז"ה זיין פערטיג די וואך.

* מ'דארף נאך קויפן טיילס פאר די האלוועי פון די צווייטע שטאק פון די שלאף צימערן.

* קומענדיגע וואך דארף שוין אנצוקומען די גרויסע פענסטערס פאר די סטעפס.

מיר זענען שוין ב"ה אריין אינעם חודש הרחמים והרצון, דער חודש אלול, און מיר גרייטן זיך אלע מיט תורה, תפילה, און מעשים טובים צום גרויסן טאג ראש השנה ווען דער אויבערשטער איז דן יעדן באזונדער, מי יחיה ומי ימות, מי במים ומי באש וכו' וכו', און מיר זענען מתפלל צו מקיים זיין וואס דער רבי האט געבעטן "ווער עס גלייבט אין מיר זאל קומען אויף ראש השנה", און ער האט געזאגט אז ער וועט אונז מתקן זיין "אפילו ווען איך קען נישט העלפן א גאנץ יאר", און מיר וועלן פועל'ן דארט ביים אייבערשטן א גוטע און זיסע יאר, ישועות, רפואות און שידוכים פאר אונז, אונזערע משפחות, און פאר גאנץ כלל ישראל.

**אומאן ראש השנה!**



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מַיין זַייט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיז צוּ לַאנְג און פַּארְצְוַוייגְט אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן, אָבֶער מַמָשׁ אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל קֶען אִיךְ אַזוֹיפִיל שְׁרַייבְּן אַז אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ מְצוֹרָע וֶועמֶען מְ'הָאט גֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן מִיט צְוֵויי יָאר צוּרִיק צוּ אַ נֵייעֶ גֶעגְנְט, אָבֶער קֵיינֶער דָארְט אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר, נִישְׁט אִין גַאס און נִישְׁט אִין שׁוּל, קוֹים וָואס אֵיינֶער גְרִיסְט מִיר אַמָאל. אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַ שְׁטִילֶער מֶענְטְשׁ, אַ גְרוֹיסֶער בַּיישָׁן, סֵיי פוּן נַאטוּר אוֹיס און סֵיי וַוייל מְ'הָאט מִיר אַסַאךְ צֶעקְלַאפְּט און צֶעשָׁאסְן, צֶערִיסְן און צֶעשְׁמֶעטֶערְט אוֹיף שְׁטִיקֶער.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, און אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן מַיינֶע צָרוֹת, בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טוּישְׁט זִיךְ אִים דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי אַיינְגֶעגֶעסְנְקֵייט, מֶען קוּקְט אַנְדֶערְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט און מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן.

עֶס זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז דוּ בִּיסְט אַ שְׁטִילֶער מֶענְטְשׁ און אַ גְרוֹיסֶער בַּיישָׁן, עֶס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ זַיין אַ שְׁטִילֶער מֶענְטְשׁ און עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין חִסָרוֹן צוּ זַיין אַ שֶׁעמֶעדִיגֶער מֶענְטְשׁ; בַּיישָׁנוּת אִיז אַ אִידִישֶׁע מִידָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת עט.) אַז אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז אַז זֵיי זֶענֶען "בַּיישָׁנִים", שֶׁעמֶעדִיג; נָאךְ זָאגְן אוּנְז חֲזַ"ל (נְדָרִים כ.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ, כ): "בַּעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם", זוּ בּוּשָׁה, "לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ", - מְלַמֵד שֶׁהַבּוּשָׁה מְבִיאָה לִידֵי יִרְאַת חֵטְא", וֶוער עֶס הָאט דֶער מִידַת הַבּוּשָׁה וֶועט נִישְׁט קוּמֶען צוּ קֵיין זִינְד.

אֱמֶת, דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט; עֶס טוּט זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז מֶען הָאט דִיר גֶעטוּן, מֶען הָאט דִיר אַסַאךְ צֶעקְלַאפְּט, צֶעשָׁאסְן, צֶערִיסְן און צֶעשְׁמֶעטֶערְט, אָבֶער אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז דַיין הַצְלָחָה לִיגְט אִין דַיינֶע הֶענְט. אַז דוּ וֶועסְט אַרַיין נֶעמֶען אִין דִיר דִי אֱמוּנָה; דוּ וֶועסְט זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת, אִים דַאנְקֶען און לוֹיבְּן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין אַיינְגֶעגֶעסְנְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' רְאֵה תשע"ט)

## וָואס טוּ אִיךְ אַז סְ'וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מַיין וַוייבּ וֶוען אִיךְ פָאר קֵיין אוּמַאן?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּם צְוֵוייטְן מָאל, און אִיךְ לֶעבּ זֵייעֶר גוּט מִיט מַיין וַוייבּ בָּרוּךְ ה', און אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק חֵשֶׁק צוּ פָארְן קֵיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶער מַיין וַוייבּ הָאט שְׁטַארְק נִישְׁט חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן צוּרִיק אַיינְזַאם אוֹיף יוֹם טוֹב, און זִיךְ דֶערְמַאנֶען צוּרִיק פוּן אִירֶע אַלְטֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן. זִי זָאגְט מִיר אַז אִיךְ קֶען פָארְן, אָבֶער עֶס גֵייט אִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער, זִי וֶועט פַארְלָאזְן טְרֶערְן זַייעֶנְדִיג טְרַאמָאטִיזִירְט פוּן אִיר פַארְגַאנְגֶענְהֵייט. וָואס קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר עֵצָה'ן צוּ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פוּן פָארְאוֹיס

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. אַז דַיין וַוייבּ לָאזְט דִיר זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן זָאלְסְטוּ אַוַדַאי קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם תִּיקוּן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "שֶׁיְכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵן זַיין אַ גַאנְץ יָאר.

גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶוער; פַאר אַלֶע וָואס פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן און קוּמֶען קֵיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִיז דָאס שְׁוֶוער, סֵיי פַאר דִי מֶענֶער וָואס פָארְן און סֵיי פַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ'. אָבֶער אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכ): "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קֵיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען", לֵייגְן מִיר אַוֶועק אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן און מִיר פָארְן קֵיין אוּמַאן.

אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר אַלֶע וָואס קוּמֶען זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף דִי וַוייבּ אַז זִי לָאזְט נִישְׁט קוּמֶען קֵיין אוּמַאן, אַז עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דַיין וַוייבּ, 'אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַ גַאנְץ יָאר אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דוּ וֶועסְט זַיין אִין שְׁטוּבּ אַ גַאנְץ יָאר און אַרוֹיסְהֶעלְפְן דַיין וַוייבּ זִיךְ צוּ פָארֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר אַזוֹי וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד רֶעדְט צוּ זַיין וַוייבּ, דֶעמָאלְט וֶועט זִי דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אַדְרַבָּה זִי וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט פָארְן קֵיין אוּמַאן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט יָאר'.

דִי וֶועלְט זָאגְט: "פַארְוָואס בְּלָאזְט דֶער שׁוֹפָר אַזוֹי גוּט רֹאשׁ הַשָּׁנָה? וַוייל עֶס לִיגְט אַ גַאנְץ יָאר אִין אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ" - דָאס זֶעלְבֶּע זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ: - "אַז מֶען וִויל פָארְן קֵיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוענְדְט זִיךְ עֶס וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר; אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען אוֹיף דִיר אַ גַאנְץ יָאר אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג און דוּ לֶעבְּסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט זִי דִיר נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין פוּן פָארְן קֵיין אוּמַאן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' כִּי תֵצֵא תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers



**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (מא)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גְרֵייט זִיךְ צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

**קפט**

דֶעמָאלְט נָאךְ פֶּסַח, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן, אַן עוֹשֶׁר אוּן אַ גְרוֹיסֶער מְיוּחָס, וָואס הָאט זִיךְ אִים פַארְגְלוּסְט מִיטְצוּפָארְן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַסַאךְ חֲבֵרִים וָואס זָאלְן רֶעדְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים מִיטְנֶעמֶען אוֹיף דִי נְסִיעָה.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעווּאוֹיר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן הָאט עֶר אִים גֶעלָאזְט רוּפְן אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט, "דוּ ווִילְסְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז יָא, הָאט אִים דֶער רֶבִּי וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט, "נוּ, אוֹיבּ ווִילְסְטוּ פָארְן, פַארְוָואס פָארְסְטוּ נִישְׁט?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוֹיבּ וֶועט אִיר מִיר מִיטְנֶעמֶען מִיט אַייךְ, וֶועל אִיךְ פָארְן", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס ווִילְסְטוּ פָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? סְ'מוּז זַיין אַז דוּ הָאסְט עֶפֶּעס אַ סִיבָּה פַארְוָואס דוּ ווִילְסְט פָארְן, וַוייל סְ'פָארְן דָאךְ אוֹיךְ אַסַאךְ אַרַאבֶּער קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

דֶער אִיד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן תֵּירוּצִים פַארְוָואס עֶר ווִיל פָארְן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ פְלוּצְלִינְג צוּפְלַאמְט, זַיין פָּנִים אִיז גֶעוָוארְן רוֹיט ווִי פֵייעֶר, עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעדְרֵייט פוּן דֶעם אִיד אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם עוֹלָם אַרוּם אוּן גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס בְּרֶען, "וֶוען מְ'ווִיל אֶמֶת'דִיג פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זָאגְט מֶען דֶען 'אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר מִיטְנֶעמֶען וֶועל אִיךְ פָארְן'?! וֶוען מְ'ווִיל טַאקֶע אָנְקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דַארְף מֶען גֵיין צוּפִיס! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ (בְּרֵאשִׁית י"ב, א') "לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דַוְקָא גֶעזָאגְט "לֶךְ לְךָ", עֶר זָאל טַאקֶע גֵיין מִיט דִי פִיס, צוּ זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!"

**קצ**

אִין יֶענֶע טֶעג, נָאךְ פֶּסַח, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְשְׁפַּארְט אוּן פַארְמַאכְט, אוּן מְ'הָאט גֶעזֶען בַּיי אִים גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת אוּן הִתְלַהֲבוּת וָואס מְ'הָאט נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי אִים בִּיז גֶעמָאלְט, אוּן עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קַיין מֶענְטְשׁ.

אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט, "רֶבִּי, פַארְוָואס זֶענְט אִיר אוּנְז נִישְׁט מְקָרֵב? פַארְוָואס רֶעדְט אִיר נִישְׁט מִיט אוּנְז?", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט יֶעצְט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעווּאוֹיר גֶעוָוארְן אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מ"ג, ב') כִּי תַעֲבוֹר בַּמַּיִם אִתְּךָ אָנִי, ווִי אַזוֹי מְ'קֶען זֶען דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, וֶוען אִימֶער מְ'ווִיל. סְ'אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ פַארְוָואס פוּנְקְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, אִיךְ טְרַאכְט אָבֶּער אַז דָאס אִיז וַוייל אִיךְ דַארְף דָאךְ יֶעצְט אַרִיבֶּערְפָארְן דֶעם יַם. אָבֶּער פַארְוָואס דַארְפְט אִיר דָאס ווִיסְן? צוּ וָואס פֶעלְט דָאס אַייךְ אוֹיס? אוּן אֲפִילוּ אִיךְ וָואלְט עֶס גֶעקֶענְט מַלְבִּישׁ זַיין אִין מוּסָר, אַז יֶעדֶער זָאל דָאס קֶענֶען נוּצְן, הָאבּ אִיךְ אָבֶּער יֶעצְט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים.

**קצא**

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְגֵיין אִין צִימֶער אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ, אוּן דֶער אִיד אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין דָארְט צִיטֶערְדִיג פוּן גְרוֹיס פַּחַד פוּן וָואס עֶר הָאט יֶעצְט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן, אוּן פְלוּצְלִינְג הוֹיבְּט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער אָן רֶעדְן צוּ אִים, "אִיךְ בִּין אַ גְרֶעסֶערֶער אָרֶעמַאן פוּן אַלֶע גְדוֹלִים. אֵיינֶער הָאט גֶעלְט, אֵיינֶער הָאט שְׁטֶעט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גָארְנִישְׁט. אִיךְ טְרֵייסְט זִיךְ אָבֶּער מִיט דֶעם וָואס אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וָואס סְ'וֶועט זַיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. וַוייל אוֹיפְ'ן עוֹלָם הָאֱמֶת וֶועט יֶעדֶער דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ מִיר, יֶעדֶער וֶועט גְלוּסְטְן צוּ הֶערְן מַיינֶע חִידוּשִׁים וָואס אִיךְ בִּין מְחַדֵּשׁ יֶעדֶע רֶגַע אוּן יֶעדֶע מִינוּט. וָואס בִּין אִיךְ דֶען? דָאס אִיז מַיין נְשָׁמָה וָואס אִיז מְחַדֵּשׁ. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ מִיר, נִישְׁט נָאר אִיר מַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן אַנְדֶערֶע אַזוֹי ווִי אַייךְ, דָאס וֵוייסְט אִיר דָאךְ אַלֵיין אַז אִיר דַארְפְט צוּקוּמֶען צוּ מִיר, נָאר אֲפִילוּ דִי צַדִּיקִים וָואס קֶענֶען שׁוֹין דַאוֶוענֶען, קֶען אִיךְ זֵיי וַוייזְן אַז זֵיי וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וָואס תְּפִלָּה אִיז, אוּן אִיךְ קֶען זֵיי וַוייזְן אַ וֶועג אִין תְּפִלָּה. אוּן אֲפִילוּ דִי גָאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, וָואס גֵייעֶן שׁוֹין נָאר מִיט יִחוּדִים, קֶען אִיךְ זֵיי וַוייזְן אַז זֵיי וֵוייסְן בִּכְלַל נִישְׁט דֶעם וֶועג אִין יִחוּדִים, אוּן אִיךְ קֶען זֵיי וַוייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין יִחוּדִים. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אוֹיסְגֶערֶעכְנְט נָאךְ אַזֶעלְכֶע זַאכְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# סיום הש"ס דורך מו"ה יודל דעפריס הי"ו

די וואך מאנטאג איז פארגעקומען א שיינע סיום הש"ס אין ישיבה, ווען מו"ה יודל דעפריס הי"ו פון קענווי איילענד, ענגלאנד, איז געקומען צו פארן מיט זיין משפחה און עלטערן צו מאכן זיין סיום הש"ס ביים ראש ישיבה שליט"א אין ישיבה.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז אלעס האט זיך אנגעהויבן פונקט עלף חדשים צוריק, ט' חשון תשע"ט, ווען ער איז געקומען צו פארן צו שמועסן מיט'ן ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה האט אים מחזק געווען ער זאל נעמען אויף זיך דעם רבינ'ס סדר דרך הלימוד, און ער האט עס גענומען מיט א שטארקייט, און יעצט פונקט עלף חדשים שפעטער, ט' אלול, איז מען זוכה אז מען שטייט שוין דא ביי א סיום הש"ס.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז כאטש אנדערע ווען חוזק מאכן פונעם הייליגן סדר דרך הלימוד, "וואס?! דו דאווענסט גמרא?", אבער ווען א מענטש קוקט מיט אן אמת'ע אויג, ער קוקט זיך אן וויאזוי ער האט שוין אלעס פרובירט און עס גייט דורך טעג, וואכן און יארן, און כאטש די "פיקטשער" זעט אויס שיין, ער האט א "חברותא", אבער מען לערנט נישט, צי ווייל מ'שמועסט, צי ווייל די קאפ איז נישטא, א.א.וו. און ווען א מענטש מאכט זיך א חשבון הנפש, און ער הערט דעם הייליגן רבינ'ס ווערטער אין שיחות הר"ן סימן ע"ו, אז "אין צריכים בלימוד רק האמירה בלבד", דאס הייסט אז "מען דארף נישט מער ווי זאגן די ווערטער ווען מ'לערנט", און ער פרובירט עס אויס, דארף ער שוין גארנישט מער פון דעם, ער ווערט צוגעקלעבט צו די תורה, ער לערנט דורך כל התורה כולה אין א קורצע צייט, און ער הייבט אן צו באמערקן צוביסלעך אז ער פארשטייט דאס לערנען אפילו מיטן בלויז זאגן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעווינטשן פאר ר' יודל'ס עלטערן וואס זענען זיך אויך געקומען זיך באטייליגן אסאך נחת פון אלע קינדער.

דערנאך האט ר' יודל'ס פאטער, הרה"ח ר' אליעזר מרדכי שליט"א, אנגעווינטשן פאר זיין זון און פאר'ן ראש ישיבה שליט"א ער זאל האבן הצלחה מיט די תלמידים.

דערנאך האט ר' יודל אויפגעטרעטן, און ארויסגעברענגט אז דער ראש ישיבה שליט"א'ס ווערטער זענען נישט עפעס בלויז שיינע געדאנקען, נאר מיר דארפן עס נעמען לעובדא ולמעשה, נעמען די משניות און זאגן פרקים, נעמען די גמרא און זאגן דפים, און דאס וועט אונז ארויסנעמען פון אלע פראבלעמען, און אזוי אויך רעדן צום אייבערשטן, און ער האט זיך באדאנקט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א.

ביים סוף האט מען געזונגען שיינע ניגונים לכבוד די מאורע.

**תורת ה' תמימה משיבת נפש!**

***

# פארשריט ביי די בוי ארבעט

# ביים בנין אין אומאן

ווי שוין איבערגעגעבן אין א פריערדיגע באריכט האט מען באשטעלט א טייערע פארגעשריטענע פילטער פון א אידישע פירמע אין ארץ ישראל, וואס איז ספעציעל געאייגענט צו האלטן מקוואות ריין און זויבער. ווי נאר דער פילטער איז אנגעקומען, האט מען זיך גלייך גענומען צו די ארבעט דאס צו אינסטאלירן, און ב"ה מען קען שוין איבערגעבן אז דער פילטער איז שוין גוט אינסטאלירט, און וועט שוין דינען דעם ציבור בעז"ה אויפ'ן קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט.

אזוי אויך ווערט געמאכט אסאך פראגרעס אין די הייצונג סיסטעם פון די <<<<<<


**אומאן ראש השנה!**

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~

אייער פריינד

אלי קנאלל

Plan it Rite

Travel the right way

718-506-4341

**אומאן טראנספארטאציע**

מ'קען שוין באשטעלן טיקעטס פאר די

באסעס פון קיוב קיין אומאן, און פון אומאן

קיין קיוב, פאר די דירעקט פלייטס

**אויך שטעלן מיר צו באסעס פאר גרופעס**

צו באשטעלן רופט

646–642–1457

**חיזוק צום טיר**

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,**

**קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס,**

**USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

212-444-9169 /845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**